STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04983

GEZANGEN TSU STALINGRAD UN SHPANYE IN HARTSN

Pablo Neruda

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּאַבלאָ נערודאַ

געזאַנגען צו סטאַלינגראַד

און

שפּאַניע אין האַרצן

פון שפּאַניש : ישעיהו אוסטרי-דן

אַרויסגעגעבן דורכן „איקוף“-פאַרלאַג אין מעקסיקע

1 9 4 9

PABLO NERUDA

CANTOS A STALINGRADO
y
ESPAÑA EN EL CORAZON

Traducido al Yiddish:
ISAIAS AUSTRI-DUNN

Editado por "YIKUF-FARLAG"
México, D. F. - 1949

תיקון טעות

די 9־טע שורה פון אויבן אראָפּ פון **פאָרוואָרט** דאַרף זיך לייענען:
דער „איקוף" אין מעקסיקע, האָט דעריבער געהאַלטן פאַר נויטיק

פאָרוואָרט

מיטן אַרויסגעבן דורך דעם מעקסיקאַנער „איקוף", דאָס דאָזיקע בוך פּאָעמען פון דעם באַרימטן טשילענער דיכטער פּאַבלאָ נערודאַ, איבערזעצט דורך ד"ר ישעיהו אוסטרי־דן, ווערט אַריינגעבראַכט אין דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור, איינע פון די שענסטע פערל פון דער וועלט־פּאָעזיע.

מיטן אונטערגאַנג פון די אידישע ישובים אין מזרח אייראָפּע, איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דאָס איבערזעצן און דאָס אַריינברענגען אין אונדזער אידישער ליטעראַטור, די וויכטיקסטע ליטעראַרישע שאַפונגען פון אַנדערע פעלקער. דער בלויז פילט זיך גאָר שטאַרק פאַר דעם אידישן לייענער.

דער „איקוף" וויל האַלטן אין זכרון פון די אידישע פאָלקס־מאַסן, אַרויסצוגעבן אַ זאַמלונג פון פּאַבלאָ נערודאַ'ס לידער, וואו ער באַזינגט אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן, די העלדישע קאַמפן קעגן פאַשיזם ביי די טויערן פון מאַדריד און סטאַלינגראַד, קאַמפן — וואָס זיינען געווען ווענדפונקטן אין דער אידישער און אין דער געשיכטע פון אַלע פרייהייטס־ליבנדע פעלקער.

דער „איקוף" וויל האַלטן אין זיכרון פון די אידישע פאָלקס־מאַסן, יענע גרויסע וועלט־היסטאָרישע געשעענישן פון שפּאַניע און סטאַלינגראַד. צוליב דעם מאָטיוו האָט ער אויסגעקליבן אָט די פערל פון גרויסן לאַטיין־אַמעריקאַנער פּראָגרעסיוון דיכטער, און אונזער „איקוף" איז דאַנקבאַר דעם באַקאַנטן און באַגאַבטן פּראָגרעסיוון שרייבער ד"ר ישעיהו אוסטרי־דן, פאַר זיין גלענצענדער אַרבעט פון איבערזעצן, די לידער־זאַמלונג, וואָס מיר ברענגען איצט פאַר דעם אידישן לייענער.

מיר זיינען זיכער אַז דער אידישער לייענער און די ליבהאָבער פון פּראָגרעסיוון אידישן וואָרט, וועלן אויפנעמען מיט פרייד דאָס דאָזיקע בוך, און אַז זיי וועלן צוהעלפן אונזער „איקוף", אין זיין ווייטערדיקער וויכטיקער פאַרלאַג־אַרבעט.

פאַרוואַלטונג פון „איקוף" אין מעקסיקע.

מעקסיקע, ד. 9., מערץ, 1949.

ד ע ר ע פ ע נ ו נ ג

א י ך דערמאן דיר, לעזער: פאבלא נערודא איז נישט קיין טרעגער פון געוויינלעכע באגריפן. ער טוליעט נישט אונדזערע געפילן, נאר שטורעמט זיי דויערנדיק, ביז ער באצווינגט זיי. פאבלא נערודא פארכאפט מיט זיין נייקייט, א נייקייט ביז פרעמדקייט. אזוי איז יעדער נייער אויפקום פון אן אינדזל אינמיטן פון אקעאן, אדער אויפשיין פון א קאמעטע. אזוי איז אויך דער אויפברויז פון הונדערטער-יארן שוין אנטשלאפענעם זיידע-ווולקאן.

ד ע ר מ א ן איך דיר לעזער: זוך נישט קיין וויגנדיקע באגריפן און וויל נישט לייענען פאבלא נערודא'ן ביים שיין פון א נאכטיקן אבאזשור. ליין אים אין רעכטן מיטן בייטאג ביים גלי פון דער זון, אדער אין א פארנאכט ווען דער רעגן קנאקט גלאזיק אין דיינע שויבן, אדער אין א מינוט ווען דו פילסט זיך בא'עול'ט פון מענטש און וועלט.

א ו ן איך בעט דיר, טייערער לעזער: ליין איינמאל און נאכאמאל, און אז מען דארף — שטעל זיך נישט אפ פאר לייענען א דריט מאל. ריינע דיכטונג, אמת'ע דיכטונג, מיינט נישט נאר א געפילן־אויסגוס פון סענטימענטאלע און פארוווּנדעטע נשמות, נאר אויסגעקאוועטע אמת'ן פון סנה'איקן גאנג, וואס נאר א יאדערדיקער זינגער באגליקט דערמיט אונזער זיין.

ל י י ן פאבלא נערודא'ן, ווי דו לייענסט די פעלזיקע פראזן פון א נביא בישראל, ווי דו לייענסט די בערגיקע ווערטער פון א מוכיח בישראל! ווייל ווען דו וועסט אזוי לייענען נערודא'ן, איז דיין שכר פארזיכערט. דו וועסט אריינקומען אין דער האריזאנטן-פולער וועלט פון איינעם פון די גרעסטע באנייער פון געזונגענעם ווארט און גערדיכטעטן געדאנק אויפן אמעריקאנעם קאנטינענט. פאבלא נערודא איז ניי, ווי זיינע הויכע בערג פון טשילע; פאבלא נערודא איז מעכטיק, ווי די ברויזנדיקע כוואליעס פון אפענעם אקעאן וואס שטויסן זיך שטורמיש צו די פעלזיקע ברעגן פון זיין שלאנגיקן פאטערלאנד.

איך וויל דיר נישט פאַרטייטשן, טייערער לעזער, פּאַבלאָ נערודאַ'ס געזאַנגען, ווייל כ'וויל זאָלסט אַליין זיך צוזאַמענשטויסן מיט זייער הוראַקאַנען־קראַפט, געניסנדיק פולע הויפנס גליק. איך לאָז דיר איבער אַליין מיטן געוויטער. גיי אין וועג אַריין — און ווער נישט געשטרויכלט. דו האָסט אַ שווערן וועג פאַר זיך, אָפּט כמעט נישט דורכצושפּרייזן, — אָבער ער איז פרעכטיק אין זיין נאַטורעלער און ווילדער נאַקעטקייט ווי די שענסטע בערגיקע פּייזאַזשן באַקרוינט מיט אַ וואָלקן טיול, וואָס דיין אויג האָט ווען עס איז אַמאָל געזען.

גיי דעריבער אין וועג אַריין — און ווער נישט געשטרויכלט!

ישעיהו אוסטרי־דן.

מעקסיקע, אין יאַנואַר 1949.

געזאַנגען צו סטאַלינגראַד

אַ געזאַנג צו סטאַלינגראַד

אין דער נאַכט שלאָפט דער פֿויער, וועקט זיך אויף און דערטרינקט
זיין האַנט אין די נעפּלען, פֿרעגנדיק דעם מאָרגנרויט:
פֿרימאָרגן, אויפֿקומענדיקע זון, ליכט פֿון טאָג וואָס קומט אָן,
זאָג מיר צי די ריינסטע הענט פֿון די מענטשן
פֿאַרטיידיקן נאָך דעם פּלאַץ פֿון כבוד, זאָג מיר פֿרימאָרגן,
צי דער שטאָל נאָך צעברעקלט זיין מאַכט אויף דיין שטערן,
צי דער מענטש איז נאָך אויף זיין פּלאַץ, צי דער דונער איז נאָך אויף זיין פּלאַץ,
זאָג מיר, זאָגט דער פֿויער, צי הערט נישט די ערד
ווי עס פֿאַלט דאָס בלוט פֿון די אָנגערויטיקטע
העלדן, אין דער גרויסקייט פֿון דער ערדישער נאַכט,
זאָג צי איז נאָך פֿאַראַן דער הימל אויפֿן בוים,
זאָג מיר צי עס קלינגט נאָך דער פּולווער אין סטאַלינגראַד.

און דער מאַטראָז אינמיטן פֿון שרעקלעכן ים קוקט
זוכנדיק צווישן די נאַסע קאָנסטעלאַציעס
איינעם, דעם רויטן שטערן פֿון דער ברענענדיקער שטאָט,
און געפֿינט גאָר אין האַרצן דעם שטערן וואָס גליט,
דעם שטערן פֿון שטאָלן ווילן באַרירן זיינע הענט,
דעם שטערן פֿון געוויין בויען אויף זיינע אויגן.
שטאָט, רויטער שטערן, זאָגן דער ים און דער מענטש,
שטאָט, פֿאַרמאַך דיינע בליצן, פֿאַרקלאַפּ דיינע אָרטע טירן,
פֿאַרמאַך, שטאָט דיין פּרעכטיקן און פֿאַרבלוטיקטן רום,

און זאָל די נאַכט אויפציטערן מיטן דראָענדיקן גלאַנץ
פון דיינע אויגן פון אונטער אַ שווערדן־פּלאַנעט.

און דער שפּאַניער דערמאָנט זיך אין מאַדריד און זאָגט, שוועסטער:
שטיי־פעסט, הויפּט־שטאָט פון רוס, האַלט־אויס:
פון דער ערד דערהויבט זיך דאָס גאַנצע פאַרגאָסענע בלוט
פון שפּאַניע, און פאַר שפּאַניע שטייט עס אויף אויפסניי,
און דער שפּאַניער פרעגט, שטייענדיק שוין ביי דער וואַנט
פון דער עקזעקוציע, צי לעבט נאָך סטאַלינגראַד;
און אין טורמע איז פאַראַן אַ קייט פון שוואַרצע אויגן
וואָס לעכערן די ווענט מיט דיין נאָמען,
און שפּאַניע טרייסלט זיך אויף מיט דיין בלוט און דיינע טויטע,
ווייל דו האָסט איר אויסגעשטרעקט, סטאַלינגראַד, די נשמה
ווען שפּאַניע האָט געבוירן העלדן ווי דיינע.

זי קען די איינזאַמקייט, שפּאַניע,
ווי היינט, סטאַלינגראַד, דו קענסט דיינע.
שפּאַניע האָט געריסן די ערד מיט די נעגל
ווען פּאַריז איז געווען קאָקעטיש־שיין.
שפּאַניע האָט אויסגעטריפט איר גרויסן בוים פון בלוט
ווען לאָנדאָן האָט געקעמט, ווי עס דערציילט אונז פּעדראָ
גאַרפיאַס (*), אירע פּאַרקן־גראָזן און שוואַנען־אָזיערעס.

היינט קענסטו עס שוין, ווידערשטעענדיקע בתולה,
היינט קענסטו שוין, רוסלאַנד, די איינזאַמקייט און די קעלט.
ווען טויזנטער באָמבעס צעשמעטערן דיין האַרץ,

(*) פּעדראָ גאַרפיאַס, באַקאַנטער דרום־אַמעריקאַנער שרייבער.

װען הקדש'ן מיט פֿאַרברעכנס און סם,
סטאַלינגראַד, לויפֿן אַן צו בייסן דיין אינגעווייד,
טאַנצט נו־יאָרק, טראַכט לאָנדאָן, און איך זאָג בייסט,
ווייל מיין האַרץ קען שוין נישט מער און אונדזערע
הערצער
קענען שוין נישט מער, קענען נישט
אין אַ וועלט וואָס לאָזט שטאַרבן איינזאַם אירע העלדן.

וועט איר זיי לאָזן אַליין? זיי וועלן אייך שוין אָפּזוכן:
וועט איר זיי לאָזן איינזאַם־אַליין?
ווילט איר אַז דאָס לעבן
זאָל אַנטלויפֿן אין גרוב אַריין, און דער שמייכל פֿון מענטשן
זאָל אויסגעמעקט ווערן דורכן שמוץ און דורך די לײַדן?
פֿאַרוואָס ענטפֿערט איר נישט?

ווילט איר נאָכמער טויטע אויפֿן מזרח־פֿראָנט
ביז זיי זאָלן פֿאַרפֿילן אינגאַנצן אייערע הימלען?
אָבער דאַן וועט דאָך אייך מער נישט פֿאַרבלייבן ווינאַר דער גיהנום.
די וועלט איז שוין מיד פֿון קליינינקע געשעענישן
אַז אין מאַדאַגאַסקאַר האָבן גענעראַלן
הערזאָיש דערהרג'עט פֿינף און פּופֿציק מאַלפּעס.

די וועלט איז שוין מיד פֿון אַסיענדיקע אסיפֿות
אַזוי עס פּרעזידירט נאָך אַלץ אַ שירעם.

שטאָט, סטאַלינגראַד, מיר קענען נישט
דערגיין צו דיינע מויערן, מיר זענען ווייט.
מיר זענען די מעקסיקאַנער, מיר זענען די אַראַוקאַנער,

מיר זענען די פּאַטאַגאָנער, מיר זענען די גוואַראַינער,

מיר זענען די אורוגואיער, מיר זענען די טשילענער,

מיר זענען מיליאָנען מענטשן.

צום גליק האָבן מיר שוין חשבונות אין דער פאַמיליע,

אָבער נישט דערגאַנגען זענען מיר נאָך דיר צו באַשיצן, מוטער.

שטאָט, שטאָט פון פייער, האַלט אויס ביז דעם טאָג

ווען מיר וועלן אָנקומען, אינדיאַנער פון אונטערגעגאַנגענע שיפן, אָנצורירן דיינע מויערן

מיט אַ קוש פון זין וואָס האָבן געהאָפט נאָך אָנקומען.

סטאַלינגראַד, נאָכנישט פאַראַן איז אַ צווייטער פראָנט,

וועסט אָבער נישט פאַלן, ווען אפילו דער אייזן און דאָס פייער

בייסן דיר טאָג און נאַכט.

אפילו ווען דו שטאַרבסט, ביסטו נאָכנישט געשטאָרבן!

ווייל די מענטשן ווייסן שוין נישט פון קיין טויט

און מוזן אָנגיין קעמפנדיק פון אָרט אַוווּ זיי פאַלן

ביז דער נצחון וועט זיין נאָר אין דיינע הענט

מעגן זיי זיין פאַרמאַטערטע, ערלעכע און טויטע,

ווייל אַנדערע רויטע הענט, ווען אייערע וועלן פאַלן,

וועלן פאַרזייען איבער דער וועלט די ביינער פון דיינע העלדן

אַז דיין זריעה זאָל אָנפילן די גאַנצע ערד.

אַ נײַיער געזאַנג צו סטאַלינגראַד

איך האָב געשריבן וועגן צייט און וועגן וואַסער,
כ׳האָב באַשריבן דעם טרויער און זיין ברוינעם מעטאַל,
איך האָב געשריבן וועגן הימל און דעם עפּל,
איצט שרייב איך וועגן סטאַלינגראַד.

שוין האָט די כלה מיט איר טיכל אָפּגעוואָרט
דעם בליץ פון מיין פאַרליבטער ליבע,
איצט ליגט מיין האַרץ אויף דער ערד
אין רויך און ליכט פון סטאַלינגראַד.

כ׳האָב שוין באַרירט מיט מיינע הענט די העמד
פון בלויען און באַזיגטן זון־אונטערגאַנג:
איבער די טרערן וואָס קוים פאַרטריקנט.
אויפקומענדיק מיט דער זון פון סטאַלינגראַד.

כ׳ווייס אַז דער אַלטער יונגערמאַן מיט שוין איבערגעוואַקסענע
פעדערן, ווי אַ שוואַן איינגעבונדענערהייט,
בינדט אויף זיין באַקאַנטן וויטיק
צוליב מיין ליבע־אויסגעשריי צו סטאַלינגראַד.

איך לייג אַוועק מיין נשמה ווי כ׳וויל נאָר,
נישט איך קאָרמע זיך פון פאַרמאַטערטן פּאַפּיר.

פאַרפּלאָטשיקט פון טינט און פון טינטער
בין איך געבוירן געוואָרן צו זינגען פאַר סטאַלינגראַד.

מיין קול איז געווען מיט דיינע גרויסע טויטע
קעגן דיינע אייגענע ווענט צעטראַסקעטע,
מיין קול האָט געקלונגען ווי גלאָק און ווינט
זעענדיק דיר שטאַרבן, סטאַלינגראַד.

אַצינדער קעמפנדיקע אַמעריקאַנער
ווייסע און דונקעלע ווי די האַנט-גראַנאַטן
ממית'ן אין מדבר די שלאַנג.
ביסט שוין נישט אַליין, סטאַלינגראַד.

פראַנקרייך גייט צוריק צו די אַלטע באַריקאַדן
מיט פלאַטערנדיקער פאָן פון צאָרן אויפגעהויבן
איבער די טרערן וואָס קוים פאַרטרינקט.
ביסט שוין נישט אַליין, סטאַלינגראַד.

און די גרויסע לייבן פון ענגלאַנד
פליענדיק איבערן צעשטורעמטן ים
פאַרזונקען די נעגל אין דער ברוינער ערד.
ביסט שוין נישט אַליין, סטאַלינגראַד.

היינט אונטער דיינע בערג פון באַזינונג,
נישט נאָר וואָס באַגראָבן ליגן די דייניקע :
עס צאַפּלט דאָס פלייש פון די טויטע
וואָס האָבן דיין שטערן אָנגערירט, סטאַלינגראַד.

צעטראָסקעטע ציען דעם אָנפּאַלערט הענט
צעשמעטערטע די אויגן פון סאָלדאַט,
פול זענען מיט בלוט די שיך
וואָס באַטראָטן האָבן דיין שוועל, סטאַלינגראַד.

דיין בלויער שטאָל פון שטאָלץ באַשאַפן
דיינע האָר פון פלאַנעטן באַקרוינט,
דיין אָפּוועך פון צעטיילטע ברויטן,
דיין דראַענדיקער גרענעץ, סטאַלינגראַד.

דיין פאָטערלאַנד פון האַמערס און רום
דאָס בלוט אויף דיין פאַרשנייטער פּראַכט,
דער קוק פון סטאַלין אויפן שניי
געוועבט מיט זיין בלוט, סטאַלינגראַד.

די מעדאַלן וואָס דיינע טויטע
האָבן אָנגעטאָן אויף דער דורכגעשטאָכענער ברוסט
פון דער ערד, און דער אויפטרייסל
פון טויט און לעבן, סטאַלינגראַד.

דאָס טיפע זאַלץ וואָס טראָגסט אויפסניי
צום טרויעריקן האַרץ פון מענטש
מיטן צווייג פון די רויטע קאַפּיטאַנען
וואָס געקומען זענען פון דיין בלוט, סטאַלינגראַד.

די האָפנונג וואָס ברעכט זיך אין די גערטנער
ווי די בלום פון דערוואַרטן בוים

די בלאַט אויסגעקריצט מיט ביקסן
די ליכטיקע אותיות, סטאַלינגראַד.

דעם טורעם וואָס באַגריפן האָסט אין זיין הויך,
די שטיינערנע און פאַרבלוטיקטע מזבחות
די פאַרטיידיקער פון דיין רייפער צייט
די זין פון דיין הויט, סטאַלינגראַד.

די ברענענדיקע אָדלער פון דיינע שטיינער,
די מעטאַלן דורך דיין נשמה אָנגעזויגן,
די געזעגענונגען מיט מעכטיקע טרערן
און די כוואַליעס פון ליבע, סטאַלינגראַד.

די ביינער פון שווער־פאַרוווּנדעטע מערדער,
די אויגן פון די אָנפאַלער, פאַרמאַכטע,
און די אַנטלויפנדיקע אינוואַדירער
הינטער דיין פונק, סטאַלינגראַד.

די וואָס האָבן דערנידעריקט דעם טריומף־מאָנומענט
און דורכגעלעכערט די וואַסערן פון דער סענע
מיט דער צושטימונג פון קנעכט,
אָפּגעשטעלט זיך האָבן ביי סטאַלינגראַד.

די וואָס זענען פראַגע די שיינע, אין טרערן
איבער דאָס פאַרשטומטע און פאַראַטענע,
א דורך טרעטנדיק אירע וואונדן,
זענען געשטאָרבן אין סטאַלינגראַד.

די וואָס האָבן אין דער גריכישער גרוטע אַריינגעשפּיגן
דעם קריסטאַלענעם סטאַלאַקטיט צעבראָכן
און זיין קלאַסישן בלוי פאַרבלאַסט,
אצינדער ווו זענען זיי, סטאַלינגראַד?

די וואָס האָבן שפּאַניע צעבראָכן און פאַרברענט
איבערלאָזנדיק אין קייטן דאָס האַרץ
פון דער מוטער פון גראַדיקע קעמפער,
פוילן ביי דיינע פיס, סטאַלינגראַד.

די וואָס אין האָלאַנד, טוליפּן און וואַסער
פאַרשפּריצט האָבן מיט בלוטיקער בלאָטע
און באַוואָסערט מיט רוטן און שווערדן
אַצינדער שלאָפן אין סטאַלינגראַד.

די וואָס אין דער ווייסער נאַכט פון נאָרוועגיע
מיט אַ בילעריי פון צעיושעטע שאַקאַלן
פאַרברענט האָבן דעם פאַרפרוירענעם פרילינג
זענען פאַרשטומט געוואָרן אין סטאַלינגראַד.

אַ לויב דיר פאַר די לופט וואָס ברענט,
פאַר דאָס וואָס דאַרף נאָך געזונגען ווערן, און פאַר דאָס שוין געזונגענע,
אַ לויב פאַר דיינע מאַמעס און פאַר דיינע זין
און פאַר דיינע אייניקלעך, סטאַלינגראַד.

אַ לויב דעם קעמפער אין נעפּל,
אַ לויב דעם קאָמיסאַר און סאָלדאַט,

אַ לויב דעם הימל וואָס הינטער דיין לבנה
אַ לויב דער זון פון סטאַלינגראַד.

באַהאַלט פאַר מיר אַ פּענעץ פון דיין צאַרניקן שוים,
באַהאַלט אַ ביקס, באַהאַלט אַן אָקעראַייזן,
און זאָל מען עס אַריינלייגן אין מיין קבר
מיט אַ רויטער זאַנג פון דיין ערד,
אַז זיי זאָלן וויסן, אויב אַ צווייפל ט'נאָך באַשטיין,
אַז געשטאָרבן בין איך ליבנדיק דיר, און אַז אויך דו האָסט מיר ליב געהאַט,
און אויב נישט געקעמפט כ'האָב אין דיין רינג
לאָז איך איבער פאַר דיין רום אָט דעם דונקעלן מילגרוים,
דעם ליבע-געזאַנג צו סטאַלינגראַד.

שפּאַניע אין האַרצן

(פּאָעמע)

אַ בריוו פון מאַנועל אַלטאָלאַגירע וועגן דער דריטער אויפלאַגע פון „שפּאַניע אין האַרצן"

האַוואַנאַ, נאָוועמבער 1941.

מיין טייערער פריינט:

דאָס בוך פון פּאַבלאָ נערודאַ האָב איך געדרוקט אין מאָנאַסטיר פון מאָנסעראַט, וווּ די גלחים האָבן געהאַט איינע פון די בעסטע דרוקערייען אין קאַטאַלוניע. כ'האָב גערעכנט עס צו מאַכן מיט אַ פּוס־מאַשין, וואָס כ'האָב מיטגעבראַכט מיט זיך צום פראָנט, אַרויסצוגעבן דעם „טעגלעכן ביולעטין פון 11־טן אַרמיי־קאָרפּוס", דאָס ליטעראַריש בלעטל „גראַנאַדאַ אין ליטעראַטור און קאַמף" און נאָך אייניקע ביולעטינען און אַנדערע פּראָפּאַגאַנדע.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין פּאַפּיר פאַר אַזעלכע אַרבעטן, און אַזוי ווי מיין שעף, קאָראָנעל פּאַקאָ גאַלאַן האָט מיר נישט געוואָלט שיקן אין די טראַנשייען, האָב איך געוואָלט זיך מאַכן נוצלעך מיט מיין אַרבעט אין דער דרוקעריי. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז נישט ווייט פון פראָנט, אין אָרפּי, איז פאַראַן אַ פאַרלאָזענע פּאַפּיר־פאַבריק און מיר האָבן באַשלאָסן איר לאָזן אין גאַנג. דאָס איז געווען דער הויפּט־קאָמיסאַר כואַן איגנאַסיאָ מאַנטעקאָן און אַ צווייטער טייערער חבר, אַרטוראָ קואַדראַדאָ, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט די פּראָדוקציע און אויך צוגעשטעלט אַלע נויטיקע עלעמענטן דערפאַר.

דעם טאָג ווען מען האָט פאַבריצירט דאָס פּאַפּיר פון פּאַבלאָ'ס בוך, זענען עס געווען סאָלדאַטן די וואָס האָבן געאַרבעט אין דער פאַבריק. נישט נאָר האָט מען באַנוצט דערצו די רוי־שטאָף מאַטעריאַלן (בוימוואָל און סמאַטעס) וואָס דער קאָמיסאַריאַט האָט אונז צוגעשטעלט, נאָר די סאָלדאַטן האָבן אויך אַריינגעוואָרפן אין דעם מאַסע־געמיש קליידער און באַנדאַזשן און אויך מלחמה־טראָפייען, ווי אַ געפאַנגענע פאָן פון שונא און אַ העמד פון אַ מורישן געפאַנגענעם.

דאָס בוך פון פּאַבלאָ, געדרוקט אונטער מיין לייטונג, איז געזעצט געוואָרן מיט דער האַנט דורך סאָלדאַטן־טיפּאָגראַפיסטן און איז אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן דורך סאָלדאַטן. דער שריפט וואָס איז גענוצט געוואָרן איז געווען דער עלזעוויריאַנער. מיר האָבן נאָר אַרויסגעגעבן פינף הונדערט עקזעמפּלאַרן; אייניקע פון זיי זענען דורך די גרענעצן אין די רוקזעק פון זעלנער, אָבער כמעט די גאַנצע אויסגאַבע איז פאַרבליבן אין קאַטאַלוניע.

דיין

מאַנועל אַלטאָלאַגירע.

אינוואָקאַציע

אָנצוהויבן, וועגן דער רויז
די ריינע און געשפּאָלטענע, וועגן בראשית
פון הימל און לופט און ערד, דער ווילן פון אַ געזאַנג
מיט עקספּלאָזיעס, דער ווילן
פון אַ מעכטיקן געזאַנג, פון אַ מעטאַל וואָס זאַמלט צענויף
מלחמה און נאַקעט בלוט.

שפּאַניע, קריסטאָלן-בעכער, ניט קיין קרוין,
שוין יאָ אַ צעשטויסענער שטיין, באַקעמפטע ווייכקייט
פון תבואה, פעל און ברענענדיקער חיה.
מאָרגן, היינט, דורך דיינע טריט
אַ שטילקייט, דער וווּנדער פון האָפנונגען
ווי אַ העכערע לופט: אַ ליכט, אַ לבנה,
אַ לבנה אַן אויסגענוצטע, אַ לבנה וואָס שוין איבערגעגאַנגען פון האַנט-צו-האַנט,
פון גלאָקן צו גלאָקן!

מוטער, וואָס מיר געבוירן האָסט, אַ פויסט
פון פאַרדאַרטער תבואה,
פּלאַנעט
דו טרוקענער און בלוטנדיקער פון די העלדן!

באָמבאַרדירונג

ווער? איבער וועגן, ווער,

ווער, ווער? אין שאָטן, אין בלוט, ווער?
אין אויפרייס, ווער,
ווער? פאַלט
אש, פאַלט
אייזן
און שטיין און טויט און געוויין און פלאַמען,
ווער, ווער, מאַמע מיינע, ווער, אַוווּ?

אַ קללה

צעאַקערט פאָטערלאַנד, איך שווער אַז פון דיינע אַש'ן
וועסטו געבוירן ווערן ווי אַ בלום פון אייביקן וואַסער,
איך שווער, אַז פון דיין דורשטיקער מויל וועלן אַרויס אויף דער לופט
די בלומען־בלעטער פון ברויט, די אויסגעשאָטענע
זאַנג נאַרוואָס רייף געוואָרן. פאַרשאָלטן זאָלן זיי זיין,
פאַרשאָלטן, פאַרשאָלטן, די וואָס מיט האַק און שלאַנג
זענען צו דיינע ערד גרודעס אָנגעקומען, פאַרשאָלטן די
וואָס געוואַרט האָבן אויף דעם טאָג צו עפענען די טיר
פון דער הויז פאַרן מור און פאַרן באַנדיט:
וואָס האָט איר דען דערגרייכט? ברענגט, ברענגט דעם לאָמפּ,
זעט דעם דורכגעווייקטן באָדן, זעט דאָס שוואַרצע ביינדעלע
אויפגעפרעסן פון די פלאַמען, דער מלבוש
פון דער דערמאָרדעטער שפּאַניע.

מ אַ ד ר י ד

(1936)

מאַדריד, איינזאַם און פייערלעך, יולי האָט דיר איבעראַשט מיט דיין פרייִלעכקייט
פון אַן אָרעמען בינשטאָק; קלאָר איז געווען דיין גאַס,
קלאָר איז געווען דיין שלאָף.

אַ שוואַרצער גרעפּץ
פון גענעראַלן, אַ כוואַליע
פון צאַרניקע גלח׳ישע קליידער
האָט צעטראַסקעט צווישן דיינע קני
אירע בלאָטיקע וואַסערן, אירע שפּייאיקע טייכן.

מיט אויגן נאָך פאַרוווּנדעטע פון שלאָף
מיט ביקס און שטיינער, מאַדריד, דאָ נישט לאַנג פאַרוווּנדעטע,
האָסטו זיך באַשיצט. ביסט געלאָפן
איבער גאַסן
איבערלאָזנדיק צייכנס פון דיין הייליקן בלוט,
שרייענדיק און רופנדיק מיט אַן אָקעאַנישן קול,
מיט אַ פּנים אויף אייביק געענדערטן
דורך דער ליכט פון בלוט, ווי אַ נקמה־דורשטיקער
באַרג, ווי אַ פייפנדיקער
מעסערדיקער שטערן.

ווען אין די פינצטערע גענעראַל־שטאַבן, ווען איז די קירכעס
פון פאַראַט איז אַריין דיין ברענענדיקע שווערד,

איז דאָרט געשטאַנען נאָר אַ פּרימאָרגנדיקע פאַרשווינדונג, עס איז נאָר געווען
דער דורכגאַנג פון דיינע פינגער,
און אַ ערלעכער בלוט־טראָפּן אין דיין שמייכל.

איך פאַרטייטש איייניקע זאַכן

איר וועט פרעגן : און ווו זענען די ליליעס ?
און די מעטאַפיזיק באַדעקט מיטן אָפּיום־בלום ?
און דער רעגן וואָס פלעגט אָפט קלאַפּן
מיט זיינע ווערטער אָנפילנדיק זיי
מיט לעכער און פויגל ?
איך וועל אייך דערציילן אַלץ וואָס געשעעט מיט מיר.

איך האָב געלעבט אין אַ שטאָט־קוואַרטאַל
פון מאַדריד, מיט גלאָקן,
מיט זייגערס, מיט ביימער.

פון דאָרטן האָט מען געקענט זען
דעם טרוקענעם פּרצוף פון קאַסטיליע
ווי אַן אָקעאַן פון לעדער.

מיין הויז פלעגט מען רופן
די הויז פון בלומען, ווייל פון אַלע זייטן
האָבן אויפגעשפּראָצט פעלדיקע בלומען : עס איז געווען
אַ שיינע הויז
מיט הינטלעך און קינדערלעך.

ראול, דערמאָנסט זיך ?

דערמאָנסט זיך, רפאל ?

פעדעריקאָ, דערמאָנסט זיך

דו וואָס ליגסט אונטער דער ערד

דערמאָנסט זיך מיין הויז מיט די באַלקאָנען אַזוי

די יוני-ליכט פלעגט דערטרונקען בלומען אין דיין מויל ?

ברודער, ברודער !

אַלץ

איז געווען מעכטיקע קולות, זאַלץ פון מערק,

צאַפּלדיקע הויפנס פון ברויט,

מערק פון מיין קוואַרטאַל פון אַרגועייעס מיט זיין סטאַטוע

ווי אַ בלאַסער טינטער צווישן די מערלוזן-פיש :

דער בוימל פלעגט דערגיין צו די לעפל,

אַ טיפער געקלאַפּ

פון פיס און הענט האָט אָנגעפילט די גאַסן,

מעטער, ליטער, דער שאַרפער

תוך פון לעבן,

אָנגעהויפטע פיש

אַ פאַרפלעכט פון דעכער מיט קילער זון אין וועלכער

די פייל ווערט מיד,

מטורף׳דיק-פיינער העלפאַנט-ביין פון קאַרטאָפל,

און אַזוי פיל טאָמאַטן ביז צום ים-ברעג.

און אין איין פרימאָרגן איז אַלץ געשטאַנען אין שרפה

און אַ פרימאָרגן פון שייטערהויפנס

וואָס זענען אַרויס פון דער ערד
אויפפרעסנדיק מענטשן,
און פון דאַן אָן פייער,
פּולווער פון דאַן אָן,
און פון דאַן אָן בלוט.

באַנדיטן מיט עראָפּלאַנען און מורן,
באַנדיטן מיט אוירינגלעך און פרינצעסינס,
באַנדיטן מיט שוואַרצע גלחים וואָס בענטשן
זענען אַראָפּ פון הימל מאָרדן קינדער,
און איבער די גאַסן דאָס בלוט פון די קינדער
איז געפלאָסן פּשוט, ווי בלוט פון קינדער.

שאַקאַלן וואָס אויך אַ שאַקאַל וואָלט פון זיי אָפּגעטראָטן,
שטיינער וואָס אויך דער טרוקענער דאָרן וואָלט אַ ביס געטאָן און אויסגעשפּיגן,
שלאַנגען וואָס אויך אַ שלאַנג וואָלט געהאַסט!

אייך אַנטקעגן האָב איך געזען דאָס בלוט
פון שפּאַניע זיך אויפהויבן
אייך דערטרונקען אין איינאַונאיינציקער כוואַלע
פון שטאָלץ און מעסער!

גענעראַלן
פאַררעטער:
זעט מיין טויטע הויז,
זעט די צעשטערטע שפּאַניע:
אָבער פון יעדער טויטער הויז קומט אַרויס גליאיקער מעטאַל
אַנשטאָט בלומען,

אָבער פון יעדער ליידיקייט פון שפּאַניע
קומט אַרויס שפּאַניע,
אָבער פון יעדן געשטאָרבן קינד קומט אַרויס אַ ביקס מיט אויגן,
אָבער פון יעדן פאַרברעכן ווערן געבוירן קוילן
וואָס וועלן ביי אייך געפינען אין איינעם אַ טאָג דעם פּלאַץ
פון האַרץ.

איר פרעגט פאַרוואָס זיין פּאָעזיע
רעדט אונז נישט וועגן חלום און בלעטער,
וועגן די גרויסע וואָלקאַנען פון זיין געבורט-לאַנד?
קומט און זעט דאָס בלוט אין די גאַסן
קומט און זעט
דאָס בלוט אין די גאַסן
קומט און זעט דאָס בלוט
אין די גאַסן!

אַ געזאַנג צו די מאַמעס פון די טויטע קעמפער

זיי זענען נישט געשטאָרבן! זיי שטייען אינמיטן
פון פּולווער,
אויף די פיס, ברענענדיקע פאַקלען!

זייערע ריינע שאָטנס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן
מיטן גראָז-פּלאַך פון קופּערנעם קאָליר
ווי אַ פאָרהאַנג פון געפּאַנצערטן ווינט,

ווי אַ מחיצה פון צאָרנדיקער פאַרב,
ווי די אומזעעוודיקע ברוסט פון הימל אַליין.

מוטערס! זיי שטייען דאָרט אין תבואה-פעלד
הויכע ווי דער טיפער בייטאָג
און באַצווינגען די ברייטע ערד-פלאַכן!
זיי זענען אַ געקלאַנג פון שוואַרצן קול
וואָס דורך די קערפּער פון דערמאָרדעטן שטאָל
שפּראָצט אַרוים דער נצחון.

שוועסטער ווי דער געפאַלענער

שטויב, הערצער
צעבראָכענע,
גלויבט אין אייערע טויטע!
זיי זענען נישט נאָר וואָרצלען
אונטער די שטיינער מיט בלוטיקע לאַטעס,
נישט נאָר וואָס זייערע אָרעמע ביינער געפאַלן זענען
און דעפינישטיוו אַרבעטן אונטער דער ערד,
נאָר אויך טראָץ וואָס זייערע מיילער בייסן דעם טרוקענעם שטויב
און אַטאַקירן ווי אָקעאַנען פון אייזן, אין נאָך
אויפגעהויבענע גייען זייערע פויסטן טראָציק קעגן דעם טויט.
ווייל פון אַזוי פיל קערפּער דערהויבט זיך
אַן אומזעעוודיק לעבן. מוטערס, פענער, זין!
איין לעבעדיקער קערפּער ווי דאָס לעבן אַליין:
אַ פּרצוף מיט צעבראָכענע אויגן היט די נעפּלען
מיט אַ שווערד פול פון ערדישע האָפנונגען!

לאָזט צורו
אייערע טרויער־מאַנטלען, נעמט צענויף אַלע
אייערע טרערן ביז זיי פאַרוואַנדלען אין מעטאַלן:
ווייל דאָרט קלאַפּן מיר טאָג און נאַכט,
ווייל דאָרט טרעטן מיר טאָג און נאַכט,
ווייל דאָרט שפּייען מיר טאָג און נאַכט
ביז פאַלן וועלן די טירן פון שנאה!

ניט איך וועל פאַרגעסן אייערע אומגליקן, איך קען
אייערע זין,
און אויב איך בין שטאָלץ אויף זייער טויט
בין איך אויך שטאָלץ אויף זייער לעבן.

זייער געלעכטער

פלעגט בליצן אין די האַמעטנע וואַרשטאַטן,
זייערע טריט אין דער אונטערערדישער באַן
פלעגן קלינגען ביי מיין זייט יעדן טאָג. און צוזאַמען
מיט די מאַראַנצן פון מזרח, ביז די נעצן פון דרום, צוזאַמען
מיטן טינט אין די דרוקערייען, אויפן צעמענט פון די אַרכיטעקטורן
האָב איך געזען פלאַמען אייערע הערצער מיט פייער און ענערגיעס.

און אַזוי ווי אין אייערע הערצער, מוטערס,
איז דאָ אין מיין הארצן אַזוי פיל טרויער און אַזוי פיל טויט
אַז עס איז שוין ווי אַ דזשונגל
געטונקען אין בלוט וואָס דערמאָרדעט האָט אייערע שמייכלען,
און עס דרינגען אַריין אין אים די מטורפ׳דיקע נעפלען פון וואַכיקער נאַכט
מיט דער אויפטרייסלענדיקער איינזאַמקייט פון די טעג.

אָבער
מער ווי די קללה פון די דורשטיקע שאַקאַלן און בעסטיאַלישן ריטש
וואָס וואָיעט פון אַפריקע מיטן גאַנצן עקל,
מער ווי דעם צאָרן, מער ווי דעם אָפּשיי, מער ווי דעם געכליפּ,
מוטערס דורכגעשפּיזט מיט אַנגסטן און טויט,
קוקט אין האַרצן פון נאָבעלן אויפקומענדיקן טאָג
און זייט וויסן אַז אייערע טויטע שמייכלען פון דער ערד
אויפהויבנדיק די פויסטן איבער דער תבואה.

ווי איז געוועו שפּאַניע

שפּאַניע איז געווען בויגזאַם און טריקן, אַ טאָגטעגלעכער
פּויק פון געדיכטן קלאַנג,
גרויסע ערד-פּלאַכן און אָדלער-נעסטן, אַ פאַרשוויגנקייט
פון אַ צעשטורעמטן טאָג.

ווי ביז געווייַן, ביז דער נשמה
ליב איך דייַן אָרטן באָדן, דייַן אָרעמען ברויט,
דייַן אביון׳דיק פאָלק, ווי ביז די טיפענישן
פון מיין זיין געפינט זיך די פאַרלוירענע בלום פון דיינע דערפער
מיט די צעאַקערטע פנים׳ער, אומבאַוועגלעכע אין גאַנג פון צייט,
און דיינע מינע-גרובן שטעטלעך
וואָס ליגן זאַטע מיט יאָרן און לבנה
און אויפגעפרעסענע פון אַ ליידיקן גאָט.

אַלע דײַנע געבײַדעס, דײַן חיה׳שע
אָפּגעזונדערטקייט צוזאַמען מיט דײַן אינטעליגענץ
אַרומגערינגלט דורך די אַבסטראַקטע שטיינער פון שווייגן,
דײַן כראָפּעוואַטער ווײַן, דײַן ווייכער
ווײַן, דײַנע צעשטורעמטע
און דעליקאַטע ווײַן־גערטנער.

פּעליזענע זון, דו ריינע פון צווישן אַלע טײלן
פון דער וועלט, שפּאַניע ווען דורכגעלאָפן האָבן
אַלע בלוטן און מעטאַלן, בלוי און זיגעריש
פּראָלעטאַריש מיט בלומען־קרוינען און קוילן, די איינציקע
לעבעדיקע און פאַרחלום׳טע און קלינגענדיקע.

די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדע קומט אָן אין מאַדריד

אין אַ פרימאָרגן פון אַ קאַלטן חודש,
פון אַ גוסס׳דיקן חודש, באַפלעקט מיט בלאָטע און רויך
אַ חודש אָן קני, אַ טרויעריקער חודש פון באַלאַגערונג און לײַדן,
ווען דורך די נאַסע שויבן פון מײַן הויז האָט מען געהערט די אַפריקאַנער שאַקאַלן
וואָיען מיט די ביקסן און מיט צײַנער פול פון בלוט, דאַן,
ווען מיר האָבן שוין נישט געהאַט מער האָפנונג ווי אַ שלאָף פון פולווער, ווען מיר האָבן שוין געגלויבט
אַז די וועלט איז איבערפולט נאָר מיט פאַרצוקעדיקע מאָנסטערס און צאָרנס,
דאַן, צעברעכענדיק די קריעס פון קאַלטן חודש אין מאַדריד, אין נעפּל
פון פרימאָרגן

האָב איך געזען, מיט די אויגן וואָס כ'האָב, מיט דאָס האַרץ וואָס זעט,
האָב איך געזען אָנקומען די קלאָרע, די באַצווינגערישע קעמפּער
פֿון דער דינער און אַרטער און רייפער און גליענדיקער בריגאַדע פֿון שטיין.

עס איז געווען אין דער טרויעריקער צייט ווען די פרויען
האָבן געטראָגן אַן אָפּוועזנהייט ווי אַ שרעקלעכע קויל,
און דער שפּאַנישער טויט, מיט מער גליאיקייט, מער שניידיקייט ווי אַנדערע טויטן
האָט אָנגעפילט די פעלדער וואָס ביז דאַן נאָר געווען פון תבואה באַערט.
אין די גאַסן האָט דאָס צעבראָכן בלוט פון מענטש זיך געמישט
מיטן וואַסער וואָס געגאָסן זיך האָט פון צעשטערטן האַרץ פון די הייזער;
די ביינער פון שוין צעפאַלענע קינדער, די שוידערלעכע
אַבל'דיקע פאַרשוויגנקייט פון די מוטערס, די אויף אייביק
פאַרמאַכטע אויגן פון די אומבאַהאָלפענע,
זענען געווען ווי די טרויעריקייט און ווי דער פאַרלוסט, זענען געווען ווי אַן אויסגעשפּיגענער גאָרטן,
זענען געווען דער גלויבן און די בלום דערמאָרדעטע אויף אַלע אייביקייטן.

קאַמעראַדן,
דאַן,
האָב איך אייך געזען
און מיינע אויגן זענען ביז היינט איבערפולט מיט שטאָלץ
ווייל כ'האָב אייך געזען דורכן נעפּלדיקן מאָרגן אָנקומען אויפן ריינעם שטערן פון קאַסטיליע
שווייגנדיקע און אַנטשלאָסענע
ווי גלעקער אויפן ראַנד פון פרימאָרגן,
פול מיט פייערלעכקייט און בלויע אויגן קומען פון ווייטע ווייטקייטן.

קומען פון אייערע ווינקלען, פון אייערע פאַרלוירענע פאַטערלענדער, פון אייערע שלאָפן

פול מיט פאַרברענטער זיסקייט און מיט ביקסן

פאַרטיידיקן די שפאַנישע שטאָט אַזוי די באַלאַגערטע פרייהייט

געקענט האָט פאַלן און שטאַרבן אַ צעביסענע פון די בעסטיעס.

ברידער וואָס פון אַצינדער אָן

אייער ריינקייט און אייער קראַפט, אייער פייערלעכע געשיכטע,

קענען וועט יעדעס קינד און בחור, יעדע פרוי און גרייז־גרויער,

דערגיין וועט צו אַלע האָפנונגסלאָזע מענטשן, און וועט אַראָפּנידערן צו די מינעס דורכגעפרעסענע פון סולפור־לופט,

וועט אַרויף צום אוממענטשלעכן געטרעפ פון קנעכט,

זאָלן אַלע שטערנס, אַלע זאַנגען פון קאַסטיליע און פון דער וועלט

פאַרשרייבן אייער נאָמען און אייער ביטערן קאַמף

און אייער נצחון דעם שטאַרקן און ערדישן ווי דער דעמב.

ווייל איר האָט אויפגעוועקט, מיט אייער קרבן

דעם פאַרלוירענעם גלויבן, די אָפּוועזנדיקע נשמה, דעם גלויבן אין דער ערד,

און דורך אייער פרוכטיקייט, דורך אייער נאָבלקייט, דורך אייערע טויטע,

ווי דורך אַ טאָל פון אַרטע און בלוטיקע פעלזן

ציט דורך אַ מעכטיקער טייך פון שטאָלענע טויבן און פון האָפנונג.

די שלאַכט ביים טייך כאַראַמאַ

צווישן ערד און דערטראָנקענעם פלאַטין

פון אַליוון־גערטנער און טויטע שפּאַניער,

כאַראַמאַ, ריינער מעסער, דו האָסט איינגעהאַלטן
די כוואַליע פון די מערדער.

דאָרטן פון מאַדריד זענען געקומען מענטשן
מיט הערצער באַגילדעטע פון פולווער
ווי אַ ברויט פון אַש'ן און אויסדויער
זענען זיי דאָרט אָנגעקומען.

כאַראַמאַ, ביסט געווען צווישן אַש'ן און רויך
ווי אַן אַראָפּגעפאַלענער צווייג פון קריסטאַל
ווי אַ לאַנגע שורה פון מעדאַלן
פאַר די זיגער.

נישט קיין גריבער פון ברענענדיקער סובסטאַנץ
נישט צאָרנדיקע און עקספּלאָזיווע אַעראָפּלאַנען
נישט אַרטילעריע מיט נעפּלדיקער מוטנעקייט
באַזיגט האָבן דיינע וואַסערן.

דיינע וואַסערן האָבן געטרונקען דורשטיקע
פון בלוט, וואַסער האָבן זיי געטרונקען מויל־אַרויף:
שפּאַניש וואַסער און די אָליוון־ערד
אָנגעפילט זיי האָבן מיט פאַרגעסן.

אַ סעקונדע נאָר פון וואַסער און צייט דער שטראָם
פון מורישן און פאַרעטערישן בלוט
געצאַפּלט האָט אין דיין שיין ווי די פיש
אין אַ ביטערן קוואַל.

די כראַפּעוואַטע מעל פֿון דיין פֿאָלק איז געווען
אינגאַנצן אָנגעפּיקעוועט מיט מעטאַל און ביינער,
מעכטיק און פּרוכטיק ווי די נאָבעלע
ערד וואָס זיי האָבן פּאַרטיידיקט.

כּאַראַמאַ, אויף צו רעדן וועגן דיינע ערטער
פֿון פּראַכט און באַצוואַנג, נישט גענוגט
מיין מויל, און בלאָס איז מיין האַנט:
דאָרט בלייבן דיינע טויטע.

דאָרט בלייבט דיין וויטיקדיקער הימל,
דיין שטיינערנער שלום, דיין אויסגעשטערנטער שטראָם,
און די אייביקע אויגן פֿון דיין פֿאָלק
וואָס היטן דיינע ברעגן.

אַ ל מ ע ר י אַ

אַ טעלער פֿאַרן בישאָף, אַ טעלער אַ צעמזיק'טן און אַ ביטערן,
אַ טעלער מיט די שיריים פֿון אייזן, מיט אש'ן, מיט טרערן,
אַ טעלער אַן אונטערגעשוווענקטן מיט געוויין און איינגעפֿאַלענע ווענט,
אַ טעלער פֿאַרן בישאָף, אַ טעלער מיט בלוט פֿון אַלמעריאַ.

אַ טעלער פֿאַרן באַנקיר, אַ טעלער מיט בעקלעך
פֿון קינדער פֿון גליקלעכן דרום, אַ טעלער
מיט עקספּלאָזיעס, מיט מטורף'דיקע וואַסערן און חורבות און שרעק,

אַ טעלער מיט געשפּאָלטענע אַקסן און צעטראָטענע קעפּ,
אַ שוואַרצער טעלער, אַ טעלער מיט בלוט פון אַלמעריאַ.

יעדן אינדערפרי, יעדן אינדערפרי פון אייער מוטנעם לעבן
וועט איר אים האָבן רויכענדיק און ברענענדיק אויף אייער טיש:
איר וועט אים אַ ביסעלע אָפּרוקן מיט אייערע איידעלע הענט
אים נישט צו זען, אים נישט צו פאַרדייען אַזוי פיל מאָל:
איר וועט אים פאַרוקן אַ ביסעלע צווישן דעם ברויט און די טרויבן
אָט דעם טעלער פון אַנטשוויגענעם בלוט
וואָס זיין וועט דאָרטן יעדן אינדערפרי, יעדן
אינדערפרי.

אַ טעלער פאַרן קאָלאָנעל און פאַר דער פרוי פון קאָלאָנעל,
ביי אַ פייערונג אין דער קאַזאַרמע, ביי יעדער פייערונג,
ביי די איינשווערונגען און ס'אויסשפייען, מיטן וויניקן ליכט פון פרימאָרגן
איר זאָלט זיי זען ציטערנדיק און קאַלט איבער דער וועלט.

יאָ, אַ טעלער פאַר אייך אַלע, די רייכע פון דאָהי און פון דאָרטן
אַמבאַסאַדאָרן, מיניסטאָרן, מערדערישע באַנקעטן-פרעסער,
אדל-פרויען פון באַקוועמען טיי און שטול:
אַ צעשמעטערטן טעלער, אַן איבערגעגאָסענעם, אַ פאַרשמוצטן מיט אָרעם בלוט,
פאַר יעדן אינדערפרי, פאַר יעדער וואָך, פאַר דער פולער אייביקייט,
אַ טעלער מיט בלוט פון אַלמעריאַ, פאַר אייך, אויף אייביק.

דער גענעראַל פראַנקאָ אין גיהנום

נעבעכדיקער, נישט דער פייער נישט דער וואָרעמער עסיק

אין אַ נעסט פון וואָלקאַנישע מכשפות, נישט דער פּרעסנדיקער אייז,

און נישט די פאַרפוילטע טשערעפּאַכע וואָס בילנדיק און וויינענדיק מיט אַ קול פון
אַ טויטער פרוי קראַצט זי דעם בויך

זוכנדיק אַ חתונה-רינג און אַ שפּילצייג פון אַ געשאָכטן קינד,

וועלן זיין פאַר דיר נישט מער ווי אַ פינצטערע טיר

אַ חרובע.

און געוויים.

פון גיהנום ביז גיהנום וואָס איז דער חילוק? אין וואָיע

פון דיינע לעגיאָנען, אין הייליקן מילך

פון די שפּאַנישע מוטערס, אין מילך און צעטראָטענע ברוסטן

איבער די וועגן, איז פאַראַן נאָך אַ דאָרף, נאָך אַן אַנטשוויגנקייט און אַ
צעבראָכענע טיר.

דו ביסט דאָ. טרויעריקער אָפּל, מיסט

פון אימה׳דיקע הינער איבער די קברים, שווערער לייכעץ, ציפער

פון פאַראַט וואָס קיין בלוט וועט נישט אָפּמעקן, ווער, ווער ביסטו

אָ, נעבעכדיקער בלאַט פון זאַלץ, אָ, הונט פון דער ערד,

אָ, שלעכט-געבוירענע בלאַסקייט פון שאָטן.

עס ציט זיך צוריק די פלאַם אָן אש,

דער געזאַלצענער דורשט פון גיהנום, די רינגען

פון וויימיק בלאַסן זיך.

פאַרשאָלטענער, זאָל דאָס מענטשלעכע אַליין

דיר פאַרפאָלגן, אין אַבסאָלוטן פייער פון די זאַכן

זאָלסט נישט פאַרברענט ווערן, זאָלסט נישט פאַרלוירן גיין

אויף די טרעפּ פון דער צייט, און זאָל דיר נישט דורכלעכערן דער גליאיקער גלאָז

און נישט דער צאַרניקער שוים.

איינזאַם, איינזאַם, פאַר אַלע

פאַרזאַמלטע טרערן, פאַר אַן אייביקייט פון טויטע הענט

און פאַרפוילטע אויגן, איינזאַם אין אַ הייל

פון דיין גיהנום, עסנדיק שווייגנדיקע מאַטעריע און בלוט

אַ גאַנצע פאַרשאַלטענע און איינזאַמע אייביקייט.

ניט ווערט ביסטו דעם שלאָף

ווען אפילו מיט נאָדלען זאָל מען דיינע אויגן אויסשטעכן : דאַרפסט זיין

וואַך, גענעראַל, וואַך אין דער אייביקייט אַריין

צווישן די פאַרפוילטע קערפּער פון די דאָ־נישט־לאַנג שוואַנגערע,

באַשאָסענע אין הארבסט. אַלע, אַלע טרויעריקע און צעפּערטלטע קינדער,

אַרטע, הענגען, וואַרטנדיק אין דיין גיהנום

דעם טאָג פון קאַלטער שמחה : דיין נקום.

קינדער שוואַרצע פון עקספּלאָזיעס

רויטע שטיקלעך מוח, קאַרעדאָרן

פון זיסע אינגעווייידן, וואַרטן אויף דיר, אַלע, אַלע, אין דערזעלבער פּאָזע

ווי ווען זיי זענען דורכגעגאַנגען די גאַס, ווי געקאַפּעט אין דער פילקע,

ווי געגעסן אַ פרוכט, ווי געשמייכלט אָדער ווי געבוירן געוואָרן.

שמייכלען. עס זענען דאָ שמייכלען

שוין אומגעבראַכטע דורכן בלוט

וואָס וואַרטן מיט צעשאָטענע און חרובע ציינער,

און מאַסקעס פון אומקלאָרן שטאָף, ליידיקע פּנים׳ער

פון אייביקן פולווער, און די פאַנטאַזמעס

אָן אַ נאָמען, די פינצטערע

באַהאַלטענע, די וואָס זענען קיינמאָל נישט אַרויס

פון זייער חורבות־בעט. אַלע וואַרטן אויף דיר
צו פֿאַרברענגען אַ נאַכט. זיי פֿילן אָן די קאַרעדאָרן
ווי פֿאַרפֿוילטע וואַסער־פֿלאַנצן.

זיי זענען אונזערע, זיי זענען געווען אונזער
פֿלייש, אונזער געזונט, אונזער
שלום פון די אייזנס, אונזער אַקעאַן
פֿון לופֿט און לונגען. דורך זיי
האָבן די טרוקענע גרודעס געבליט. איצט, העט־ווייט פֿון דער ערד,
שוין זייענדיק אַ צעשטערטע
סובסטאַנץ, אַ דערמאָרדעטע מאַטעריע, אַ טויט מעל,
וואַרטן זיי אויף דיר אין דיין גיהנום.

ווי שאַרפֿע מורא אָדער דער ווייטיק וואָס ווערן פֿאַרברענט,
ניט קיין מורא ניט קיין ווייטיק וואַרטן אויף דיר. איינזאַם און פֿאַרשאָלטן
זאָלסטו זיין,

איינזאַם און וואַך זאָלסטו זיין צווישן אַלע טויטע,
און זאָל דאָס בלוט פֿאַלן אויף דיר ווי אַ רעגן,
און זאָל אַ גוסס׳דיקער טייך פון אויסגעשניטענע אויגן
דיר אומוואַרפֿן און אַריבערשווימען אַנקוקנדיק דיר אָן אויפֿהער.

אַ געזעגנונג איבער אייניקע חורבות

דאָס וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן און באַצוווּנגען,
דאָס וואָס איז באַנעצט, באַנוצט און געזען געוואָרן,
ליגט — אָרעם טיכעלע — צווישן די כוואַלעס

פון דער ערד און שוואַרצער שאַרקע.

וווי דער קנאָפּ אָדער די ברוסט

הויבן זיך אויף צום הימל, ווי די בלום וואָס גייט אַרויף

פון צעשמעטערטן ביין, אַזוי זענען די געשטאַלטן

פון דער וועלט דערשינען אַ אַפּלען,

אַ זײַלן, אַ טרעפּ.

אַ, טיפע מאַטעריעס

צוגעגעבענע און ריינע: אַזוי ווי צו זײַן גלעקער!

אַזוי ווי צו זײַן זייגערס! אַלומיניום

פון בלויע מאַסן, צעמענט

צוגעקלעפּט צום שלאָף פון די מענטשן!

דער שטויב זאַמלט זיך,

דער קליי, די בלאַטע, די קעגנשטאַנדן וואַקסן

און די ווענט זיך דערהויבן

ווי דער מאָך וואָס קומט אַרויף פון דונקעלן מענטשן־הויט.

דאָרט אינעווייניק אין ווייס, אין קופּער,

אין פייער, פאַרלאָזן, געוואַקסן זענען די פּאַפּירן,

דער עקלדיקער געוויין, די רעצעפּטן

אַוועקגעפירטע ביינאַכט אין אַפּטייק אינדערצייט

ווען איינער מיט פיבער,

דער טרוקענער גייסטיקער שלייף, די טיר

וואָס דער מענטש האָט געבויט

קיינמאָל איר נישט צו עפענען.

אַלץ איז אַוועק און געפאַלן

ברוטאַל צעקנייטשט.

פאַרוווּנדעטע כלים, נאַכטיקע

ליוונטן, שמוציקער שוים, פישעכץ
גענוי אויסגעגאָסן, באַקן, גלאָז, וואָל,
קאַמפאַר, רינגען פון פאַדעם און לעדער, אַלץ
אַלץ דורך אַ רינג פאַרוואַנדלט אין שטויב,
אין דעזאָרגאַניזירטן חלום פון די מעטאַלן,
דער גאַנצער פערפום, דאָס גאַנצע כישוף׳דיקע,
אַלץ אָנגעהויפט אין גאָרנישט, אַלץ געפאַלן
שוין מער קיינמאָל נישט געבוירן צו ווערן.

הימלישער דורשט, טויבן
מיטן מעליקן פאָס: תקופות פון באַפרוכפערונג
און פרוכט־באַהאָנגענע צווייַגלעך, זעט ווי
דאָס האַרץ ווערט צעשמעטערט
ביז עס דערגייט צו אָבל׳דיקייט: נישטאָ קיין וואָרצלען
פאַרן מענטש: אַלץ קוים וואָס עס רוט
איבערן ציטער פון רעגן.

זעט ווי פאַרפוילט איז געוואָרן
די גיטאַרע אין דער מויל פון דער שמעקעוודיקער כלה:
זעט ווי די ווערטער וואָס האָבן אַזוי פיל געבויט,
זיינען איצט חורבן: קוקט אויפן קאַלך און צווישן צעשטערטן מירמל־שטיין
דעם צייכן — שוין מיטן מאָך — פון געוויין.

אַ פּייזאַזש נאָך אַ שלאַכט

געביסענער שטח, זעלנער צוזאַמענגעקנוילט
ביי דער תבואה, צעבראָכענע

קאַפּיטעס, פאַרפרוירענע צווישן פאַרגליווערטן שניי און שטיינער,
כראַפּעוואַטע לבנה.

אַ לבנה ווי אַ פאַרוווּדעטע קאַבילע, פון קאַלך אויפגעפרעסן,
אַרומגעריגלט מיט אויסגעמוטשעטע דערנער, דראָענדיק, דערטראַנקען
מעטאַל צי ביין, אַפּוועזנהייט, ביטערע טויט,
אַ רויך פון קברנים.

אונטער דער זויערער ניטראַטן־קרוין,
פון סובסטאַנץ ביז סובסטאַנץ, פון וואַסער ביז וואַסער,
יאָגיק ווי אויסגעדראָשענע תבואה
פאַרברענט און אויפגעפרעסן.

צופעליקע איידלקייט מיט ווייכער ווייכקייט,
שוואַרצער אש אַפּוועזנדיקער און צעשיטער,
אַצינדער נאָר קלינגענדיקע קעלט, עקלדיקע
מאַטעריעס פון רעגן.

פאַרבאַהאַלט עס מיינע קני באַגראָבן
מער ווי דעם אַנטלויפנדיקן באָדן,
כאַפּט אים מיינע אויגן ביז ביים נאָמען אָנרופן און פאַרווונדן,
מיין בלוט היט אָפּ אַט דעם טעם פון שאָטן
עס זאָל קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

אַ נ ט י ט אַ נ ק י ס ט ן

צווייגן אַלע פון קלאַסישן מיטלפערל, אאורעאַלן

פון ים און הימל, אַ ווינט פון ליבגעזאַנגען;
פאַר אייך, גראַדיקע העלדן
אַנטיטאַנקיסטן.
איר זענט געווען אין דער נאַכטיקער מויל
פון דער מלחמה
די מלאָכים פון פייער, די פּאַרכטיקע
די ריינע זין פון דער ערד.
אַזוי זענט איר געווען, פאַרזייטע
אין די פעלדער, דונקעלע ווי די זריעה, אויסגעצויגענע,
וואַרטנדיקע. און פאַרן צעווילדעטן אייזן, אין דער ברוסט פון מאַנסטער
האָט איר אַ שליידער געטאָן, נישט נאָר אַ שטיקל בלאָסן אויפרייס-מאַטעריאַל,
נאָר אויך אייער תהומיק און רויכערדיק האַרץ,
אַ פאַרגיכטענדיקע רוט און בלוי ווי דער פולווער.

איר האָט אייך אויפגעהויבן,
הימלישע איידלקייטן קעגן די בערג
פון אכזריות, נאַקעטע זין
פון דער ערד און פון רום.
איר האָט פריער קיינמאָל נישט געזען
ווינאַר דעם אָליוון-בוים, קיינמאָל ווינאַר די נעצן
פולע מיט שופן און זילבער : איר האָט צענויפגענומען
די כלים, דאָס האַרץ, דעם אייזן
פון די פעלדער-שניטן און פון די געביידעס ;
אין אייערע הענט האָט געבליט דער שיינער וואַלדיקער
האַנט-גראַנאַט אָדער די פרימאָרגנדיקע
ציבעלע, און באַלד

זענט איר דאָ באַלאַדענע מיט בליצן
פאַרפויסטנדיק דעם רום, אויפרייסנדיק
צאָרניקע כוחות,
איינזאַמע און מעכטיקע אַנטקעגן די נעפּלען.

די פרייהייט האָט איך צוזאַמענגענומען פון די מינעס,
און האָט געבעטן אויף שלום פאַר אייערע אַקעראייזנס:
די פרייהייט האָט זיך אויפגעהויבן וויינענדיק
איבער די וועגן, זי האָט געשריגן אין די קאָרעדאָרן
פון די הייזער: אין די בלומיקע דערפלעך
איז איר קול דורכגעגאַנגען צווישן מאַראַנצן־בוים און ווינט
רופנדיק מענער מיט רייפער ברוסט, און איר זענט אָנגעקומען,
און אַצינדער זענט איר דאָ, די געליבטסטע
זין פון נצחון, פילמאָל געפאַלענע, פילמאָל
אויסגעמעקטע אייערע הענט, צעבראָכן די אינטימסטע אידעלע ביינער,
אַנטשוויגענע

אייערע מיילער, צעטראַסקעט
ביז חורבן אייער שווייגן:
אָבער גלייך שטייט איר אויף, אינמיטן
פון געווירבל, נאָכאַמאָל, אַנדערע, די גאַנצע
אייערע אומבאַגרייפלעכע, אייער גליענדיקע
ראַסע פון הערצער און וואָרצלען.

מ אַ ד ר י ד — 1937

אין דער שעה דערמאָן איך זיך אין אַלץ און אַלע,

מיט אַלע מיינע חושים, וואָס טרינקענדיקע־זיך אין

די ערטער אַווו — קלאַנג און פעדער —

שלאָגנדיק אַ ביסל, עקזיסטירן

העט־וויט פון דער ערד, אָבער אין דער ערד.

עס איז נישטאָ אין דער שטאָט,

אַווו פאַראַן איז אַלץ וואָס איך ליב,

נישט קיין ברויט און נישט קיין ליכט: אַ קאַלטער קריסטאַל פאַלט

אויף טרוקענע בלומען. ביינאַכט שוואַרצע חלומות

אויפגעפּראַלטע דורך באָמבעס, ווי בלוטנדיקע אָקסן:

קיינער נישט אין פרימאָרן פון די פעסטונגען,

נאָר אַ צעבראָכענער וואָגן: שוין מיט זשאַווער, שוין מיט דורות'דיקער שטילקייט

אַנטשטאַט מיט זינג־פויגל פון די פאַרברענטע הייזער,

בלוט־אָפּגעצאַפּטע, ליידיקע, מיט טירן אָפענע צום הימל:

עס הויבט שוין אָן דער מאַרק אויפעפענען זיינע אָרעמע שמאַראַגדן,

און די מאַראַנצן, און די פיש,

יעדן טאָג צוגעצויגענע דורכן בלוט

דערגיין צו די הענט פון דער שוועסטער און דער אלמנה.

שטאָט פון טרויער, פון גרובנס, פאַרהוונדעטע,

צעבראָכענע, געשלאָגענע, געלעכערטע, פולע

מיט בלוט און צעבראָכענע שויבן, אַ שטאָט אָן נאַכט, זי אינגאַנצן

אַ נאַכט און אַ שווייגן און אויפרייסן און העלדן,

איצט אַ נייער ווינטער נאָכמער נאַקעטער און נאָכמער איינזאַמער,

איצט אָן מעל, אָן טריט, מיט דיין לבנה

פון סאַלדאַטן.

פאַר יעדן פאַר אַלע.

אָרעמע זין, אונזער פאַרלוירן

בלוט, שרעקלעך האַרץ

אויפגעטרייסלט און באַוויינט. טרערן ווי שווערע קוילן

זענען אַריינגעפאַלען אין דיין פינצטערער ערד מיטן קלאַנג

פון טויבן וואָס פאַלן, אַ האַנט וואָס פאַרמאַכט

דעם טויט אויף אייביק, בלוט פון יעדן טאָג

און פון יעדער נאַכט און פון יעדער וואָך און פון יעדן

חודש. נישט רעדנדיק וועגן אייך, די וואָס מאַכן ציטערן דאָס וואַסער

און די ערד מיט אייער געוואַלדיקן ווילן,

אין דער שעה בין איך איינגעהערט אין דער צייט אין איינער אַ גאַס,

עמיצער רעדט צו מיר, דער ווינטער

קומט ווידעראַמאָל אָן אין די האָטעלן

אַזוי איך האָב געוווינט,

אַלץ איז שטאָט וואָס כ'הער צו און אַ ווייטקייט

אַרומגערינגלט מיט פייער און מיט אַ שוים

פון שלאַנגען, אַטאַקירט פון

אַ גיהנום'דיק וואַסער.

שוין מער ווי אַ יאָר

ווי די פאַרמאַסקירטע רירן זיך צו, צו דיין מענטשן-ברעג

און שטאַרבן ביים קאָנטאַקט פון דיין עלעקטרישן בלוט :

זעק מיט מורן, זעק מיט פאַרעטער

געקוילערט זיך האָבן צו דיינע שטיינערדיקע פיס : נישט דער רויך, נישט דער טויט

האָבן איינגענומען דיינע ברענענדיקע מויערן.

אויב אַזוי,

וואָס איז פאַרבליבן, אויב אַזוי ? יאָ, דאָס זענען די פון חורבן,

די פאַרצוקער : זיי לויערן אַרום דיר, ווייסע שטאָט,

דער בישאָף מיטן מוטנעם פּרצוף, די ייִנגע פּרינצן
די דרעקישע און פּעאָודאַלע, דער גענעראַל אין וועמענס האַנט
קלינגען די דרייסיק מטבעות: זיי שטייען אַנטקעגן דיינע מויערן
אַ פאַס פון באַרעגנטע גלויביקער
אַן עסקאַדראָן פון פאַרפוילטע אַמבאַסאַדאָרן
און אַ טרויעריקער גרעפּין פון הינטישער מיליטאַריסטן.

אַ לויב געזאַנג דיר, אַ לויב־געזאַנג אין וואַלקן,
אין געזונט, און שווערדן,
בלוטנדיקער שטערן וועמענס פאָדעם פון בלוט
שפּיגלט אָפּ אין די שווער־פאַרוווּנדעטע שטיינער,
אַן אויסגליטש פון אַרטער זיסקייט,
אַ קלאָר וויגעלע באַוואָפנט מיט בליצן,
פעסטונגען מאַטעריאַל, בלוטיקע לופט
וואָס פון איינער אַזאַ, וואַקסן אַרויס בינען.

היינט, דו וואָס לעבסט, כוואַן,
היינט דו וואָס קוקסט. פעדראָ, דו באַגרייפסט, שלאָפסט, עסט:
היינט אין דער נאַכט אָן ליכט, שטייענדיק אויף דער וואַך אָן שלאָף און אָן רו,
איינזאַמע אויפן צעמענט, אויף דער צעשניטענער ערד,
פון די אַבל'דיקע דראָטן־צאַמען, דרום־צו, אינמיטן, אַרום־און־אַרום,
אָן הימל, אָן מיסטעריע,
מענטשן ווי אַ האַלדזבאַנד פון שטריק פאַרטיידיקן
די פון פלאַמען אַרומגערינגלטע שטאָט: מאַדריד די פאַראַרטעוועטע
פון אַ פלאַנעטן־קנאַק, פון דעם פייער־אויפבראַוז;

ערד און וואַכזאַמקייט אויף דער הויכער אַנטשוויגנקייט
פון נצחון : אויפגעטרייסלט
ווי אַ צעבראָכענע רויז : אַרומגעהילט
מיט אַן אומענדלעכן לויב־געזאַנג.

ס ו ף